# די גאָלדענע קייט

## פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

103

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל

תל־אָבֿיבֿ 1980

# די באַפֿרוכפּערונג

(דערציילונג)

אין אַ בודקע פֿון אַ פּרדס, ווײַט פֿון אַ מענטשלעכן ייִשובֿ, איז ער געזעסן לעבן אַן איבערגעקערטן מאַראַנצן־קאַסטן, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ טיש. דעם קאָפּ צווישן די הענט, האָט ער געקוקט אויף דער ווײַסער ליידיקייט פֿון דעם פּאַפּיר־בויגן, וואָס איז געלעגן אונטער זײַנע אויגן.

שוין דער דריטער טאָג וואָס ער זיצט אַזוי מיט אײַנגעגראָבענע אויגן אין דער ווײַסער אויסגעשפּרייטער ליידיקייט פֿון פּאַפּיר, און ער קאָן בשום־אופֿן נישט אויס־שטרעקן די האַנט צו דער פּען, ווי זײַן האַנט וואָלט געליימט געוואָרן. צי וועט נישט נעמען קיין סוף צו דער שׂרפֿה אין זײַן מוח?

תּחייה איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף זײַן אַקסל. זי האָט געריבן איר לײַב אין זײַן נאַקן. זי האָט געוווּסט אַז ער שלאָפֿט נישט. זי האָט געמאָנט אַ צערטל פֿון זײַן האַנט, כאָטש אַ בליק פֿון ליבלעכקייט. זי איז געווען אויסגעהונגערט נאָך דעם. שוין דער דריטער טאָג וואָס ער קוקט אַפֿילו נישט צו איר.

תּחייהן האָט ער געפֿונען אַן אונטערגעוואָרפֿענע הינטער זײַן טיר, ווי איר מוטער וואָלט געוווּסט אַז דאָ, בײַ דעם עלנטן מענטש, וועט איר קינד גוט זײַן. בײַ נאַכט האָט ער געהערט בײַ דער דרויסנטיר פֿון זײַן בודקע אַ געוויין ווי פֿון אַ זויגלינג. ער האָט געעפֿנט די טיר. זי איז געלעגן אויף דער ערד. טאַקע אַן ערשט־געבוירנס. זי האָט געציטערט פֿון קעלט און איר יללה האָט געריסן זײַן האַרץ. ער האָט זי אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, זי אַוועקגעלייגט אויף זײַן געלעגער. זי האָט געהאַט אַ ווײַס, קלאָר פֿעלכל. בלויז אויפֿן שטערן, בײַם לינקן אויג, האָט אַ געל פֿלעקל זיך געצויגן ביז צום אויערל, ווי איר מעוברתדיקע מוטער וואָלט זיך פֿאַרקוקט אויף אַ האַלב־לבֿנה. ער האָט זי באַלד גערופֿן בײַם נאָמען: תּחייה. ווײַל איר געוויין האָט זיך צו אים אַרײַנגעריסן אין דער רגע ווען זײַנע מחשבֿות האָבן געברענט אין מוח אַרום מאַשאַס קינד תּחייה. ער האָט אויפֿגעציטערט ווען ער האָט אין יענער רגע פּלוצעם דערהערט דאָס האַרצרײַסנדיקע פּישטשען פֿון אַ זויגלינג.

מאַשאַ, די איינציקע געבליבענע פֿון אַ דײַטשישן פֿרויען־לאַגער, האָט באַוויזן דאָס איבערנאַטירלעכסטע אין דער געניקאָלאָגיע מיטן ברענגען אויף דער וועלט איר קינד תּחייה. אויף דער פּליטים־שיף קיין ארץ־ישׂראל, האָט דוד אַרצי, דער יונגער שיפֿס־קאַפּיטאַן פֿון דער הגנה, גענומען מאַשאַן פֿאַר אַ פֿרוי. אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווי תּחייה איז געבוירן געוואָרן, האָט אַן אַראַבישע באָמבע צעריסן די לײַבער פֿון מאַשאַ, פֿון דוד אַרצי און פֿון דעם גרויסן נס מיטן נאָמען תּחייה.

איצט, אין דער פּרדס־בודקע, האָט תּחייה געמאָנט אַ צערטל פֿון זײַן האַנט. ער שרײַבט דאָך סײַ ווי נישט. אַפֿילו אַ בלינדער קען דאָך זען אַז ער איז נישט פֿאַרנומען.

אינטערעסאַנט צו וואָס מען קאָן דערפֿירן אַ באַשעפֿעניש, מיט געדולד און מיט דערציִונג. תּחיה, למשל, וועט זיך נישט דערוועגן צוצורירן צו אים בשעת ער האַלט אין זײַן האַנט די פּען. אַ מענטש, פֿאַרשטייט זי מסתּמא, איז נישט קיין קאַץ. וועט זי אויך מיט דער צײַט באַנעמען, אַז אַ מענטש קאָן גרײַלעך זײַן באַשעפּטיקט, הגם ער רירט נישט מיט קיין אבֿר?

דאָס געברומערײַ לעבן זײַן אויער האָט אים געשטערט. ער האָט זי געוואָלט אַ שלײַדער טאָן פֿון זיך, פֿאַר כּעס. נאָר באַלד האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין כּעס אויף דעם קליינעם, ווײַסן באַשעפֿעניש. דאָס איז דער כּעס אויף זײַנע אייגענע וואַמפּירישע מחשבֿות, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אין זײַן מוח און נאָגן זײַן צײַט. דעמאָ־נישע פּיאַווקעס. צי בעט נישט איצט תּחיה בײַ אים דאָס זעלביקע וואָס ער גופֿא בעט בײַ זײַנע מחשבֿות זינט דרײַ מעת־לעת? צי זענען זיי ביידע, סײַ ער סײַ תּחיה, נישט ראוי איצטער צו דער צערטלענדיקער האַנט פֿון חסד און רחמים?

ער האָט אַרויפֿגעטאָן זײַן האַנט אויף דעם ווײַסן, זײַדענעם פֿעלכל פֿונעם קעצעלע. ער האָט צוגעבויגן זײַן פּנים צו איר קעפּל. תּחייהס פֿאָדערשטע לאַפּקעלעך זענען אַרײַן אין דער געדיכטער פֿאַרקאָלטנטקייט פֿון זײַן באָרד, וואָס האָט זיך איר קענטיק אויסגעדאַכט צו זײַן אַ פֿעסטער גרונט. ער האָט געקוקט אויף איר. אין זײַנע אויגן איז געווען רחמנות און לײַטזעליקייט. דאָס זעלביקע צו וואָס ער האָט אַצינד געבענקט.

ער האָט ליב געהאַט דאָס קעצעלע און האָט ליב געהאַט עס צו רופֿן בײַם נאָמען. ווי דאָס פֿייגעלע אינעם קוקו־זייגער דערמאָנט די שעה, אַזוי האָט דעם קעצעלעס נאָמען אים דערמאָנט אין דער משפּחה אַרצי.

אין שלעזיע, אין אַ חרובֿער סטאָדאָלע, עטלעכע מעת־לעת נאָכן אַרויס פֿון אוישוויץ, האָט ער צום ערשטן מאָל באַגעגנט מאַשאַן. זיי זענען געווען די ערשטע צוויי, ווי אַראָפּגעפֿאַלענע אויף דער ערד פֿון אַן אַנדער פּלאַנעט. אַן ער און אַ זי. איר יונג, צאַפּלענדיק לעבן האָט אַרויסגעקוקט צו אים דורך צוויי מאָנענדיקע, בלויע אויגן. זי איז געווען אַ קאָפּיע פֿון זײַן שוועסטער דאַניעלאַ. אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט גערעדט שטיל:

— קיינער אויף דער דאָזיקער וועלט וועט אונדז נישט קאָנען פֿאַרשטיין, בלויז מיר אַליין וועלן פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן — —

נאָכן פֿרויען־לאַגער איז זי געבליבן ריין און לויטער. ריינער און לויטערער ווי חוה פֿאַרן חטא. זי איז געווען די ברכה אין גאָטס קללה.

זי האָט גערעדט שטיל:

— ווי אַזוי וועט עמעצער פֿון אונדז קאָנען ליגן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן, צי בײַ דער זײַט פֿון אַ פֿרוי, בשעת אונדזערע גופֿים זענען ווי פֿאַרברענטע, באַצוואונגענע ערד? און ווי אַזוי וועט עמעצער פֿון אונדז קאָנען אָטעמען אויף דער דאָזיקער וועלט, אויב ער וועט נישט האָבן לעבן זיך זײַנס גלײַכן, צו וועמען ער זאָל קאָנען קומען, ווי דער מידער פֿויגל אין אָוונט צו זײַן נעסט?

דוד אַרצי, דער העלד פֿון דער בריחה אין אייראָפּע, איז געווען מאַשאַס נעסט. און דער וווּנדער איבער אַלע וווּנדערס — זייער תּחיה.

אין דער פּרדס־בודקע איז אויפֿגעגאַנגען דער נײַער טאָג. ער האָט אויסגעלאָשן דעם נאַפֿטלאָמפּ. תּאַמי איז אָנגעפֿלויגן און זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן פֿענצטערברעט. ס׳איז די ריכטיקע צײַט. תּאַמי קומט צו פֿלי̅ען איטלעכן טאָג פּינקטלעך. ער האָט אויס־געשטרעקט די האַנט צו דער פּושקע מיט קערנער. תּאַמי איז מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגל אַרויף אויף די שפּיץ־פֿינגער פֿון זײַן האַנט. די האַנטפֿלאַך — אַ טעלערל מיט קערנער.

חדשים האָט געדויערט ביז ער האָט זי אויסגעלערנט אַז זי דאַרף נישט מורא האָבן אַרײַנצוקומען אין דער בודקע ווו עס וווינט אַ מאַנצביל אַליין. קיינער וועט דאָ בײַ איר נישט צונעמען איר אומשולד. און זי איז טאַקע פֿון קאָפּ ביז פֿוס אַ שאָנקייט. זי האָט געטראָגן אַ רייטלעך שאַלעכל אויפֿן קאָפּ. שטענדיק זענען אירע אויגן־לעפּלעך בלוי געשמינקט. בכל־אופֿן צו אים אין בודקע האָט זי זיך תּמיד אַזוי באַוויזן. די פֿיסלעך — ראָז געפּודערט. אויף איר הויכער ברוסט האָט זי געטראָגן אַ ווײַס, ציכטיק בלוזקעלע. און די דרײַפֿערטלדיקע פּעלערינקע אויף אירע אַקסלען — אַ געמיש פֿון זוניקן געל מיט פּורפּל, ווי בכּיוון אויפֿצורייצן די אויגן. אַניט, צו וואָס נאָכשלעפּן בײַם עק אַזאַ בונט־פֿאַרביקע קרינאָלינע? ווי האָט עס אַזאַ קאָקעטקע נישט מורא זיך אַזוי צו ווײַזן אין גאַס?

אַצינד האָט תּאַמי זיך נישט געאײַלט אַוועקצופֿלי̅ען. זי האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויף זײַנע פֿינגער און האָט געוואַרט. ווי עס וואָלט נישט געפּאַסט זיך אָנצופֿרעסן און אַוועק. מ׳דאַרף כאָטש אַ ביסל אָפּזיצן. קוקט זי מיט אַ לאַנגווײַליק קײַלעכיק אייגל ווי צו הערן אַ ביסל רכילות נאָך דער סעודה. תּחייהס בויך־בורטשערײַ לעבן זײַן אויער איז געווען קורץ־אָפּגעהאַקט פֿון כּעס. די קינאה האָט אין איר געברענט. צו וועלכע שוואַרצע רוחות איז די דאָזיקע אָנגעפֿלויגן דווקא איצט? ווער דאַרף זי דאָ? תּחייה וואָלט אַזאַ איינע געקאָנט אָנלערנען דרך־ארץ. אָבער זי ווייס אַז מען וואָלט איר אַזוינס נישט מוחל געווען. תּחייה איז נישט אַבי־ווער. זי ווייס וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט.

פּלוצעם איז אַ געלײַטערטע קלאָרקייט אויפֿגעגאַנגען אין זײַן מוח. ער האָט געקוקט צו דער טויב אויף זײַן לינקער האַנט און אויף דער קאַץ אויפֿן לינקן אַקסל. אָט איז די סיבה! אים ווערט קלאָר פֿאַר וואָס זײַן רעכטע האַנט איז ווי געליימט און שטרעקט זיך נישט אויס צו דער פּען: ווײַל זײַן מוח ברענט ווי אַ קנויט וואָס שטעקט אינעם סם פֿון שׂינאה. שׂינאה איז שוואַרץ ווי אַ תּהום. די זאָמען פֿון דער שׂינאה גייען אויף צו זײַן מוח און פּאַראַליזירן אים. דער ווייטיק פֿון דײַן האַרץ דאַרף גלי̅ען רויט ווי דער העלישער גליאײַזן וואָס לײַטערט אויך די שׂינאה. און כּל־זמן די פּען אין דער רעכטער האַנט וועט נישט זײַן ווי די לינקע, אויף וועלכער עס קאָנען הויזן צוזאַמען אַ טויב און אַ קאַץ, וועט דער ריינער, קוואַליקער שטראָם זײַן פֿאַר אים פֿאַרלאָשן.

ער האָט אַרויסגעשיקט די טויב דורכן פֿענצטערל פֿון דער פּרדס־בודקע. מיט ביידע הענט האָט ער ציטערדיק אַוועקגעלייגט תּחייהן אויף זײַן געלעגער. דער שײַניקער טאָג האָט גרין געלויכטן אין פּרדס. ער באַדאַרף איצט זען צי עס בלי̅ען די אויגן־זאָמען וואָס ער האָט פֿאַרזייט אין די חושחש־ביימער. צי האָט זייער טראַכט אין זיך אַרײַנגענומען די באַפֿרוכפּערונג; צי בלי̅ען־אויף זייערע בתולים־ליפּן מיט דער זאַפֿטיקער, גרין־בלוטיקער ענערגיע פֿון באַשאַפֿונג.

ער איז געווען אויפֿן וועג צו זיי.